# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**4:20**
מוצאי שב"ק....................**5:48**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............שיר השירים ו'-ז'
בבלי...........................נדה ס"ו
ירושלמי.........עירובין כ"ד
תוספתא...................כריתות ד'
רמב"ם............קניה ומתנה ז'


פרשת מקץ, שבת חנוכה, א' דראש חודש טבת, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 14 (428)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ

שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דֶעם שַׁבָּת אִיז אֵיינֶע פוּן דִי זְמַנִים וָואס מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט, פְלֶעגְן דִי תַּלְמִידִים זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען זֶעקְס מָאל אַ יָאר - דְרֵיי מָאל אִיז מֶען גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן שָׁבוּעוֹת. אוּן דְרֵיי מָאל פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי פָארְן צוּ דִי תַּלְמִידִים - שַׁבָּת שִׁירָה, שַׁבָּת נַחֲמוּ, אוּן נָאךְ אַ שַׁבָּת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רָב וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער חָבֵר, אוּן זֵיי הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ 'תְּקִיעַת כַּף', אַז וֶוער עֶס וֶועט פְרִיעֶר נִסְתַּלֵק וֶוערְן, וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן צְוֵוייטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל. דֶער רָב אִיז קוֹדֶם נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעלָאפְן גַאנְצֶע אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין חָבֵר, דֶער רָב הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרֵיי מָאל אַ יָאר - 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה', אוּן 'שָׁבוּעוֹת', וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק (סִימָן תתמו) דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת; אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה. אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק מִזֶה הָעוֹלָם, אוּן זַיין נְשָׁמָה דְרֵייט זִיךְ אִין 'עוֹלָם הַתֹּהוּ', דֶער נְשָׁמָה לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט אַ רָב, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶר אַלְץ אַרִיבֶּערְגֵיין בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז דָא אַ רָב וָואס הָאט שׁוֹין בַּאזוּכְט אַסַאךְ בָּתֵּי חַיִּים", דָאס הֵייסְט עֶר אִיז שׁוֹין אַסַאךְ מָאל מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דִי דְרֵיי זְמַנִים 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה', אוּן 'שָׁבוּעוֹת', אָבֶּער נָאכְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְקוּת - שְׁרַייבְּט ר' נָתָן - קוּמְט מֶען וַוייטֶער צוּם רֶבִּי'ן נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פָּארְט מֶען נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן, חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת דַארְף דֶער טַאטֶע זַיין אִין שְׁטוּב; בִּפְרַט חֲנוּכָּה. וַוייל חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ, אוּן מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְקֶעגְן פוּן דִי וָואס פָּארְן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף חֲנוּכָּה; מֵילָא אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אַזַא אֵיינֶער קֶען פָּארְן וֶוען עֶר ווִיל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט קִינְדֶער, דַארְף מֶען זַיין אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין ווִי אַזוֹי צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי יֶעדֶע נַאכְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז זַייט דֶעם רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְקוּת פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל וואוּ צֶען מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד" אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן קפז)".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד ר' סֶענְדֶרְ'ל פוּן טִירְהָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה'. סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, אוּן זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ'. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן פַארְטָאגְס, הָאט מֶען גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, מֶען הָאט גֶעזֶען ווִי אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט נֶעבְּן צִיּוּן שָׁאקְלְט זִיךְ, קוֹדֶם הָאט מֶען מוֹרָא גֶעהַאט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס אִיז, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט מֶען

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִקְדָּשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט חַ"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס רוּפְן עֶס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל "פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן"?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אֵייבִּיג אִיז דָא זַאכְן אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, וָועלְכֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֵוייניגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס לִיגְט אִים נִישְׁט אִין דִי בֵּיינֶער אַז יֶעדֶער רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַזוֹי גֶעמַאכְט, דַאן הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי שְׁוֶועריִקְייטְן קוּמֶען אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען.

מִיט דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט

<<<<<<

## א גוטווארט

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מֶער פוּן זָאגְן: "ה' מֶלֶךְ, ה' מָלָךְ, ה' יִמְלוֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד"; בַּיי דִי וֶועלְט זָאגְט מֶען דָאס אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ וְכוּ', אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט מֶען עֶס אִין אִידִישׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט דִי וועלְט אוּן וֶועט דָאס פִירְן בִּיז אֵייבִּיג"; רֶעד פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה וֶועסְטוּ מְחַיֶּה זַיין אִידִישֶׁע צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשי"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## 'פוּן יֶעצְט' וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' ... זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיינֶע חֲבֵרִים עוֹבְדֵי ה' זֵיי זָאלְן אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה וֶוען זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָתִיקִין. מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זֵיי זָאגְן: "אִיךְ בִּין אוֹיף, אִיךְ קוּם שׁוֹין", אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיךְ וֶועל 'פוּן יֶעצְט' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס אִיז דֶער לִימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן, טְרַאכְט נִישְׁט: 'עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין סֵיי וִוי שְׁפֶּעט!' טְרַאכְט פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן סִיפּוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אוּן זָאג צוּ זִיךְ: 'פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זֵייעֶר כִּיטְרֶע, עֶר קוּמְט צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶע מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע מִיטְל, מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג מִיר צוּ צֶעבְּרֶעכְן"; אָבֶּער וִוי גְרוֹיס, קְלוּג אוּן כִּיטְרֶע עֶר אִיז אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן, אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, קוּקְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע דֶעם שְׁלֶעכְטְן.

זִינְג אוּן טַאנְץ "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ" אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תש"פ)

>>>>>>

בַּאמֶערְקְט אַז דָאס אִיז ר' סֶענְדֶר'ל, עֶר אִיז בַּאדֶעקְט מִיט שְׁנֵיי פוּנֶעם קָאפּ בִּיזְ'ן פִיס. הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ר' סֶענְדֶר, וָואס טוּט אִיר דָא? עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ בַּאלְד פַארְפְרוֹירְן", הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיּוּן, אוּן דֶער צִיּוּן אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פַאלְן אַ שְׁנֵיי הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, אִיךְ וֶועל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דִי מַלְאָכִים: 'אִיךְ וִויל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הֵיכָל', וֶועט מֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן תֵּירוּצִים: 'עֶס רֶעגְנְט'; 'עֶס שְׁנֵייט'; 'עֶס אִיז וַוייט'; 'עֶס אִיז קַאלְט וְכוּ' וְכוּ'', וֶועל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַזוֹי: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס הֵיכָל, אִיךְ וִויל יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָן קַיין תֵּירוּצִים", וֶועט מֶען מִיר לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן עד): "הַמְּקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם"; וֶוער עֶס אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט זַיין מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשע"ח)

>>>>>>

אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם פַּארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן. זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק, זֵייעֶר גַאנְצֶער מוּט אִין לֶעבְּן. בִּיז דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעבַּאקְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## שַׁבָּת מִילָה אוּן חוֹדֶשׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיף קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה חֹ'ודֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ הַשַּׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלְס אַ גוּטֶע מַתָּנָה, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת ק"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית.

אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט דֶעם וֵוייסְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַלֶע יָמִים טוֹבִים. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידּוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דִי דְרֵיי מִצְוֹת זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א הוֹיבְּט אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א עֶנְדִיגְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד" אַז אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם הַאנְט בַּיי הַאנְט. וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ? עֶס גֵייט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר הָאט דָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים? וֶוען אַ אִיד גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ.

## אוֹיף וָואס זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מִמֵּילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם (עֶרְנְסְט), אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָּר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סֵיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין. מִמֵּילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מִמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ". דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' בְּרָכָה וּקְלָלָה" - דֶער

<<<<<<

>>>>>>

אײבערשטער גיבט פאר'ן מענטש א מתנה א 'טאג', און ער קען מיט דעם מאכן א ברכה אדער א קללה, פרייליך אדער טרויעריג, מען קען אננעמען דעם טאג גוט, קוקן נאר אויף די גוטע חלקים וואס מען האט און זיך פרייען מיט דעם, און מען קען אלעס אננעמען שלעכט, און זיין טרויעריג, און דער אײבערשטער זאגט: "ובחרת בחיים", וועל אויס דאס לעבן, צו זיין פרייליך און צופרידן, דעמאלט וועסטו האבן אלעס גוטס.

וואויל איז דעם וואס איז זוכה אריינצונעמען אין זיך די הייליגע אמונה, שטענדיג צו געדענקען אז אלעס פירט נאר דער אײבערשטער, און דאן וועט ער אייביג זיין פרייליך, און ער וועט האבן א גליקליך לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

(תוך הנחל מקץ תשנ"ט, שיחות מוהרא"ש חלק י"ג ערך וטוב לב משתה תמיד, וחלק י' ערך שמחה)

# די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי'ן (נא)

**אין קורצן פון פריער: דער הייליגער רבי גייט ארויף אויפ'ן שיף אין איסטאנבול, מיט'ן צדיק רבי יום טוב אלגזי זי"ע, אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל.**

**רכח**

מאנטאג פרשת נצבים, כ"ב אלול, האט דער שיף אנגעהויבן פארן אויפ'ן מיטללענדישן ים, און גלייך האט אויסגעבראכן א געפערליכע שטורעם ווינט אויפ'ן ים, און די שיף איז געווען אין א גרויסע סכנה, ס'איז געווען "יעלו שמים ירדו תהומות" וגו' (תהלים ק"ז, כ"ו), און די מענטשן אויפ'ן שיף האבן זיך שוין געגרייט אויפ'ן טויט, קיינער האט שוין נישט געגלויבט אז זיי וועלן דאס קענען איבערלעבן, יעדער האט געוויינט און געשריגן צום אײבערשטן.

איין נאכט איז געווען ממש יום כיפור אויפ'ן שיף, יעדער האט געוויינט און געזאגט וידוי און מתפלל געווען, מ'האט געזאגט סליחות און אנדערע תפלות ותחנונים, אבער דער רבי איז געזעסן שטיל די גאנצע צייט.

מענטשן זענען צוגעקומען צום רבי'ן פרעגן פארוואס ער שווייגט אין אזא גרויסע עת צרה, אבער דער רבי האט זיי גארנישט געענטפערט. עס איז אבער דארט געווען די ווייב פונעם רב פון חאטין, וואס זי איז געווען א געלערנטע פרוי, און זי האט געוויינט און געשריגן די גאנצע נאכט, און זי האט אויך אנגעהויבן האבן טענות אויפ'ן רבי'ן פארוואס ער זיצט שטיל אין אזא צייט. דער רבי האט איר אבער אנגעשריבן און געזאגט, "הלואי וואלט איר אויך געשוויגן, וואלט געווען גוט פאר אייך. איר קענט מיר אויספרובירן, אויב וועט איר שטיל בלייבן, וועט דער ים זיך אויך אפשטילן".

און אזוי איז טאקע געווען, זיי האבן אויפגעהערט צו שרייען און פארפירן, און גלייך ווען די זון האט אויפגעשיינט האט דער ים זיך בארואיגט, "יקם סערה לדממה ויחשו גליהם, וישמחו" וגו' (תהלים ק"ז, כ"ט-ל').

**רכט**

נאך א טאג צוויי איז די שיף געבליבן אן וואסער צום טרינקען, ס'איז שוין אויסגעגאנגען אלע זויבערע וואסער וואס מ'האט געהאט צוגעגרייט פאר די מענטשן צום טרינקען, עס איז נאר געבליבן דארט איין פאס וואסער, אבער זייער שמוציגע פארשטינקענע וואסער וואס ווערים האבן געקריכט דערין, און די וואסער האט מען אויסגעטיילט פאר די מענטשן אויפ'ן שיף, יעדער האט געקענט באקומען נאר איין קליינע מאס פון וואסער.

און דאס איז געווען נאך א גרעסערע סכנה פון די אלע שווערע שטורעם ווינטן וואס זיי האבן דורכגעמאכט, עס האט געדראעט אויף זיי א גרויסע סכנה אויסצוגיין פון דארשט, און דעמאלט האט דער גאנצער עולם, מענער פרויען און קינדער, געבעטן דעם אײבערשטן פון טיפענישן פון הארץ, און דער אײבערשטער האט געהאלפן אז ס'האט זיך נאכאמאל ערוועקט א שטורעם ווינט אויפ'ן ים, אבער דאס מאל איז עס געווען גוט ווייל עס האט געפירט דעם שיף זייער שנעל קיין ארץ ישראל, און נאך צוויי טאג זענען זיי אנגעקומען צו די האפן פון יפו וואס פירט קיין ירושלים.

דער רבי האט דארט געוואלט אראפגיין פון שיף און גיין קיין ירושלים מיט דעם אויבנדערמאנטן צדיק, דער אײבערשטער האט אבער אנדערש געוואלט, די אראבער האבן זיי נישט ערלויבט אריינצוקומען

<<<<<<




# שאלות ותשובות ברסלב

## וואס שמועסט מען ביים שבת טיש?

***שאלה:***

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

ביי א שיעור דאנערשטאג נאכט האב איך געהערט ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז מען זאל רעדן נייעס ביים שבת טיש און אויך מילי דשטותא וכדומה, נאר מען זאל זיין שטארק און געדענקן צוריקצוברענגען די שמועס צום אײבערשטן. וואס מיינט עס? און ווי אזוי טוט מען דאס?

**יישר כח**

***תשובה:***

**בעזרת ה' יתברך**

ערב שבת קודש פרשת וישלח, ט"ו כסליו, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן א): "כי איש הישראלי צריך תמיד להסתכל בהשכל של כל דבר ולקשר עצמו אל החכמה והשכל שיש בכל דבר", אין יעדע זאך וואס מען זעט דארף מען אויפזוכן דעם אײבערשטן אין דעם, "כדי שיאיר לו השכל שיש בכל דבר להתקרב להשם יתברך על-ידי אותו הדבר", ווען מען זעט עפעס א זאך דארף מען ארויס נעמען פון דעם א וועג צו דינען דעם אײבערשטן; אפילו מען הערט א שמועס, א נייעס וכדומה, דארף מען ארויס נעמען פון דעם רמזים ווי אזוי צו דינען דעם אײבערשטן. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נב): "מכל הדברים צועק כבוד השם יתברך, כי מלא כל הארץ כבודו, ואפילו מספורי הגוים צועק גם כן כבוד השם יתברך", פון יעדע זאך זעט מען ארויס דער אײבערשטן, אפילו פון די נייעס פון די אומות העולם הערט מען אויך ארויס דעם אײבערשטן; דאס הייסט, יעדעס מאל ווען מען הערט א נייעס דארף מען ארויס נעמען פון דעם א וועג אין לעבן.

א שבת טיש קומט נישט צו דערציילן נייעס, א שבת סעודה איז א צייט וואס דער טאטע לייגט אריין אין די קינדער אמונה אינעם אײבערשטן און ליבשאפט צום אײבערשטן און צו די תורה, דאס וואס מיר האבן גערעדט ביים שיעור אז מען זאל דערציילן נייעס ביים טיש דאס איז נאר אין א פאל ווען די קינדער ווילן נישט הערן קיין תורות וכו' דעמאלט זאל מען זיי מקרב זיין צום אײבערשטן מיט חכמה דורך שמועסן נייעס און אין די שמועס לייגט מען אריין א ווארט דא א ווארט דארט פון אמונה וכו'.

יעצט אז עס האט פאסירט אזא שרעקליכע פאסירונג, רוצחים זענען געקומען הרג'נען אידן, זיי האבן גע'הרג'ט אן אומשולדיגער בחור מיט א אומשולדיגע מאמע פון קליינע קינדער השם ינקום דמם; וואו מען גייט און וואו מען שטייט קאכט זיך די נייעס, קען מען מיט די נייעס מאכן א כלי אריין צו ברענגען דעם אײבערשטן. מען לייגט אריין אינמיטן פונעם שמועס וואס מוהרא"ש זאגט, אז פאר מען גייט ארויס פון שטוב זאל מען לייגן די האנט אויף די מזוזה און בעטן א קליינע תפילה: "הייליגער באשעפער היט מיר, ברענג מיר צוריק אהיים געזונטערהייט", און ווען מען קומט אן אהיים זאל מען לייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן: "יישר כח אײבערשטער אז איך בין צוריק אהיים בשלום".

מען קען אריין לייגן אינעם שמועס אז מיר זענען אין גלות, "עשיו שונא ליעקב", די גוים האבן אונז פיינט; מען זאל זיך נישט איינרעדן קיין איין רגע אז די גוים זענען אונזערע פריינד און אזוי ווייטער. מען דערציילט די ניסים און חסדים וואס מען האט געזען אינעם צרה און אזוי ווייטער.

בנוגע מילתא דשטותא; דער רבי זאגט (עיין ליקוטי הלכות, נפילת אפים ד, ה): "עס האט א פנים אז מען קען נישט זיין פרייליך נאר אז מען מאכט זיך נאריש"; דאס קען מען מקיים זיין אין שטוב מיט די קינדער, מען מאכט זיך פרייליך מיט די קליינע קינדער, מען טוט אלעס אויף דער וועלט אבי צו זיין פרייליך.

**דער אײבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

(עצתו אמונה וישלח תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**



>>>>>>

דָארְט אִין שְׁטָאט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי אִידִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים פוּן אֵייְרָאפֶּע, אוּן מִיט דִי לַאנְגֶע פֵּיאוֹת, אוּן אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דִי אָרְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז דָאס זֶענֶען שְׁפִּיָאנֶען פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין שׁוּם הֶסְבֵּרִים אוּן תֵּירוּצִים.

## רל

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְ'ן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט שׁוֹין צְוֵויי טָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן דָארְט מִיטְ'ן שִׁיף זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, דִי שִׁיף הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין צוּלִיבּ דִי ווִילְדֶע כְוַואלְיֶעס פוּנֶעם יַם וָואס הָאט שִׁיעֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם שִׁיף, אוּן סְ'הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין שׁוּם עֵצָה אוּן וֶועג וִוי אַזוֹי דָארְט צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע פַאר דֶעם קַאפִּיטַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען, אוּן דִי אָרְטִיגֶע סְפַרְדִ'ישֶׁע חֲכָמִים הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אַ קַבָּלָה אִישׁ מִפִּי אִישׁ אַז אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אִיז גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דֶער נָבִיא יוֹנָה בֶּן אֲמִתַּי, אוּן דֶערְפַאר אִיז דִי וַואסֶער דָארְט אַזוֹי ווִילְד.

דִי שִׁיף הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן דָארְט אִיבֶּערְנַאכְט, מְ'הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועקְפָארְן פוּן דָארְט, דִי שִׁיף אִיז וַוייטֶער גֶעפָארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט חֵיפָה אִין דִי נַאכְט פוּן "זְכוֹר בְּרִית", דִי נַאכְט פוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעאַנְקֶערְט נֶעבְּן דֶעם הַר הַכַּרְמֶל, אַנְטְקֶעגְן דִי מְעָרַת אֵלִיָּהוּ.

פַארְטָאגְס הָאט דֶער עוֹלָם גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת אוֹיפְ'ן שִׁיף מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית, אוּן דַאן אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן שִׁיף אַרַיין אִין שְׁטָאט.

## שְׁנַת תקנ"ט

## רלא

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן שִׁיף צוּפִּיסְנְס פוּנֶעם הַר הַכַּרְמֶל, פּוּנְקְט קֶעגְן אִיבֶּער דִי מְעָרַת אֵלִיָּהוּ. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעהָאפְּט מִיט אַזוֹיפִיל הִשְׁתּוֹקְקוּת, כִּיסוּפִין, אוּן גַעְגוּעִים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹיפִיל מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מָאל פַאר דֶעם.

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע וֶוען עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע בָּאדְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אַרָאפְּמָאלְן, וֶוען אַלֶע וַואסֶערְן זָאלְן זַיין טִינְט, אַלֶע הִימְלֶען - פַּארְמֶעט, אַלֶע בֵּיימֶער - פֶּעדֶערְן, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין שְׁרַייבֶּערְס, וָואלְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁרַייבְּן אֲפִילוּ נָאר אִין קוּרְצְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין יֶענֶע מִינוּט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פִיר אֵיילְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פּוֹעֶלְ'ן אוּן מַשִּׂיג זַיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**מו"ה צבי אלימלך אונגאר הי"ו**
**לזכות לברכה והצלחה בכל הענינים**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל

מיט גרויס פרייד און התרגשות האבן אנשי שלומינו אין ארץ ישראל מקבל פנים געווען דעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז געקומען צו פארן פאר א בליץ באזוך.

דינסטאג פארנאכטס איז דער ראש ישיבה שליט"א אנגעקומען אין ארץ ישראל, און איז געפארן גלייך קיין **בית שמש**, וואו ער האט געגעבן א שיעור אינעם ארטיגן בית המדרש "היכל הקודש". צום ערשט האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א בלאט גמרא, און דערנאך האט מען גערעדט פון די עצות פון הייליגן רבי'ן, זיך מחזק געווען אין אמונה און תפלה און שלום בית.

דערנאך איז דער ראש ישיבה געפארן קיין **ירושלים** עיה"ק, וואו ער האט ווידער געגעבן א שיעור פאר אנשי שלומינו אין ירושלים, ווי אזוי זיך צו שטארקן אין יעדן מצב, שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, ווען א איד לעבט מיט אמונה איז אים יעדן טאג באזונדער א געשמאקע פרייליכע טאג.

מיטוואך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין **יבנאל** צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע, ער האט אויסגעבעטן אלעס גוטס ביים ציון הקדוש, און מחזק געווען אנשי שלומינו אין יבנאל.

דערנאך איז דער ראש ישיבה געפארן קיין **צפת**, וואו ער האט ווידער געגעבן א שיעור פאר די ארטיגע אינגעלייט, די חבורת "היכל הקודש". צום ערשט האט מען געלערנט א בלאט גמרא, און דערנאך האט מען ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון חנוכה וואס דערנענטערט זיך שוין, און איבער שלום בית און חינוך הילדים. [אלע שיעורים אין ארץ ישראל קען מען הערן אויפ'ן טעלעפאן ליין "קול ברסלב"].

פארנאכטס איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין **בני ברק** צו די חתונה פון א חשובער תלמיד הישיבה, החתן מו"ה יעקב ראטענבערג הי"ו, און גלייך דערנאך איז דער ראש ישיבה געפארן צום לופטפעלד אויפ'ן וועג אהיים קיין ניו יארק.

אנשי שלומינו אין ארץ ישראל געבן איבער אז זיי האט געשעפט פיל חיזוק און התחדשות פון דעם באזוך, דאס האט זיי געגעבן פרישע כוחות ווייטער זיך צו שטארקן און דינען דעם אייבערשטן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**עם ה' חזקו ונתחזקה!**

# מעלדונגען צום געהויבענעם שבת סיום הש"ס - ויגש תש"פ




**באלאנס:** נאך געציילטע צימערן פארבליבן. אלע וואס האבן שוין אויסגעצאלט וועלן קענען מיטהאלטן דעם שבת. מאכט זיכער אייער באלאנס איז אויסגעצאלט ביז דאנערשטאג ויגש, רופט שוין: 917-541-1197.

**אדרעס:** די אדרעס פון האטעל: Crowne Plaza Stamford
2701 Summer St, Stamford, CT, 06905

**זמנים:** מ'קען אנקומען אין האטעל פון 1:00 אזייגער פרייטאג נאכמיטאג, די פונקטליכע זמנים און סדר פונעם גאנצן שבת, וועט מען באקומען ביים אנקומען.

זמן הדלקת הנרות איז 4:25, מאכט זיכער ארויסצופארן באצייטנס, ווייל ס'קען זיין טרעפיק אויפ'ן וועג.

**באסעס:** עס וועט זיין צוגעשטעלט באסעס צום האטעל פאר די פרייז פון $40 א ראונד טריפ, מ'קען באשטעלן באס טיקעטס אויפ'ן נומער 347-563-0545.

**איינגאבע:** ביים באקומען דעם שבת שליסל צום צימער, וועט מען דארפן איינלייגן פאר'ן האטעל $100 פאר'ן שליסל, און מ'וועט עס צוריק באקומען נאך שבת ביים צוריק געבן דעם שליסל. אויך וועט מען דארפן איינלייגן א קרעדיט קארד צו קענען נוצן אין פאל עס פאסירט שאדנס צום צימער.

**שווימען:** די סווימינג פול וועט זיין אפן, מ'קען מיטברענגען שווים קליידער.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה יעקב ראטענבערג הי"ו
צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב

מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון סענדער נ"י למזל טוב

מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון ישעי' נ"י למזל טוב

## ברסלב'ע חשמונאים

**פארוואס מאכט מען אזא גרויסע מצב פונעם קליינעם קריגל אויל, אין די צייט וואס די גאנצע בית המקדש איז חרוב?**
**הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**2, 1, 6, 1, 48**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**